

דורך: נ.ב.צ.

# דער פּועל ישועות וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטער התמדה בתורה

לכבוד די הילולא פון הרה״ק **בעל טל חיים מליסקא** זי״ע
ט׳ אייר

**קומענדיגן זונטאָג פּרשת אמור, ט׳ אייר, פאַלט אויס די יומא דהילולא פון הגה״ק בעל טל חיים מליסקא זי״ע, וועלכער איז געווען דער ממלא מקום וממשיך דרכו פון זיין הייליגן שווער הרה״ק בעל אך פּרי תבואה מליסקא זי״ע און איז בשעתו געווען מפורסם מיט זיינע דאָפּלטע כוחות, סיי אַלס גאון אדיר וחריף בתורה אשר כל רז לא אניס לי׳ און סיי אַלס צדיק וקדוש ופּועל ישועות בקרב בארץ. אַלע צדיקי דורו האָבן אים זייער געשעצט און מעיד געווען אויף זיינע גרויסע כוחות בכפליים מיט זיין גאונות אדירה בתורה און מיט זיין כח פון צדיק גוזר והקב״ה מקיים.**

**היות מען האָט איצט זוכה געווען איבערצושרייבן דעם בית החיים אין די שטאָט ליסקא, אונגאַרן אונטערן די בעלות פון ק״ק ליסקא אין ניו יאָרק, איז וויכטיג אָנצוהייבן מיט אַ קורצע הקדמה.**

**דער טל חיים זי״ע האָט נישט בלויז ממלא מקום געווען זיין גרויסן שווער ברבנות ובאדמורו״ת, נאָר האָט אויך ממשיך געווען מיט זיין גרויסן כח לפקוד בדבר ישועה ורחמים; עס האָבן זיך געוואָרפן ביי אים גרויסע מופתים און אומצאָליגע אידן זענען געהאָלפן געוואָרן ביי אים. זיין כח אלס צדיק ורבי איז אָבער פאַרשאָטנט געוואָרן צוליב זיין אויסטערלישע התמדה בתורה. ער איז געליגן אין תורה הקדושה כל כולו און עפּעס אַנדערש האָט אים נישט אינטערעסירט, ווי עס איז מעיד אויף אים די מעשה וואָס נכדו כ״ק אדמו״ר מליסקא שליט״א דערציילט אַלעמאָל, ווי פאָלגענד:**

**״צוליב זיין גרויס התמדה אין תורה הקדושה, איז דער טל חיים - אַנדערש ווי אַנדערע צדיקים - כמעט נישט אַרויסגעפאָרן פון ליסקא און נישט אַרומגעפאָרן אין אַנדערע שטעט פּראַווען חסידים. איינמאָל איז זיין מצב הפּרנסה געווען זייער געענגט, ווייל ער האָט געהאַלטן פאַר אַ חתונה פון אַ קינד, האָבן זיינע שטוב-מענטשן אים זייער געבעטן ער זאָל פאָרן ערגעץ אויף אַ שבת, און ער איז טאַקע געפאָרן אויף אַ שבת קיין קאַשוי. אַסאַך מענטשן זענען דעמאָלט געקומען מיט קוויטלעך און פּדיונות און (אַנשטאָט זיך פרייען מיט די הצלחה) האָט דער טל חיים זיך זייער באַקלאָגט אַז דער באַזוך האָט אים גורם געווען אַסאַך ביטול תורה. ער האָט זיך דעמאָלט אויסגעדרוקט: ״איין דף גמרא איז מער ווערד ווי די גאַנצע רעביסטווע״.**

**לכבוד די יומא דהילולא וועלן מיר דאָ ברענגען איינגע עובדות וסיפּורים טאַקע איבער זיין געוואַלדיגן גדלות בתורה, זיין צדקות וקדושה, אָבער מיר וועלן זיך אויך קאָנצענטרירן איבער זיין גרויסן כח צו פּועל׳ן ישועות ורפואות פאַר אידישע קינדער, ווייל היות מען גייט איצט איבערבויען און רענאָווירן דעם בית החיים, איז וויכטיג פאַר אידן צו וויסן דעם גרויסן כח פון די צוויי צדיקים, חותנו וחתנו, וועלכע ליגן דאָרט באַהאַלטן.**

**כדי נישט מטריח צו זיין דעם ליינער ברענגען מיר בלויז צוויי פּאַראַגראַפן ביאָגראַפישע שטריכן לכבוד די הילולא.**

**דער טל חיים פון ליסקא, הגה״ק רבי חיים פריעדלאנדער זי״ע, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר ת״ר צו זיין פאָטער הגה״ק רבי משה זצ״ל אבד״ק קליינוואַרדיין. אַלס בחור האָט ער געלערנט ביי הגאון רבי מאיר פּערלס זצ״ל אבד״ק קראלי. כשהגיע לפרקו איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס איידעם דורך דעם צדיק הדור הרה״ק רבי צבי הירש מליסקא זי״ע בעל אך פּרי תבואה און נאָכ׳ן הסתלקות פונעם הייליגן רבי ר׳ הערשעלע איז ער אויפגענומען געוואָרן ממלא מקומו אַלס אבד״ק ואדמו״ר ליסקא.**

**ער איז נסתלק געוואָרן פּלוצלינג ביום ט׳ אייר תרס״ד און איבערגעלאָזט זיין ספר ״טל חיים והברכה״ אויף סוגיות הש״ס און ״טל חיים״ על התורה ומועדים.**

## דריי פשעטלעך, דאָס איז וואָס איך קען...

כ״ק אדמו״ר מהיבנוב שליט״א האָט דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, כ״ק אדמו״ר רבי יוזפא מליסקא זצ״ל, אַז ווען מען האָט אָנגעטראָגן פאַר׳ן אך פּרי תבואה זי״ע דעם שידוך פונעם טל חיים זי״ע פאַר זיין טאָכטער, האָט מען אים פאָרגעשטעלט אַלס בחור מיט אַלע מעלות, סיי מיט יחוס אבות, זייענדיג אַ זון פונעם קליינוואַרדיינער רב רבי משה זצ״ל שטאַמענדיג אויך פון הייליגן מהרש״א זצ״ל, און סיי מיט יחוס עצמו, אַלס אַ תלמיד חכם און עילוי וחריף. דער אך פּרי תבואה האָט געוואָלט קלאָר-שטעלן אויב ס׳איז אמת וואָס מען זאָגט אויף דעם בחור, האָט ער אַריבערגעשיקט צוויי שלוחים צום שטאָט פונעם בחור, קליינוואַרדיין צו רעדן מיט אים אין לערנען, זיך מפלפל זיין אין סוגיות הש״ס און זיי זאָלן אים צוריקברענגען אַ גרוס.

איינער פון די צוויי שלוחים איז געווען אַ גאון און אַ גדול בתורה, פון די גרויסע תלמידים המובהקים פונעם אך פּרי תבואה, און דער צווייטער איז אויך געווען פון די חשוב׳ע חסידים פונעם אך פּרי תבואה, אָבער נישט אַזאַ בר הכי אין תורה; ער איז נאָר מיטגעגאַנגען צו באַגלייטן דעם ערשטן.

ווען די צוויי שלוחים זענען אָנגעקומען איז דער ערשטער שליח, דער תלמיד חכם, פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און ער האָט נישט געקענט ערפולן זיין רבינ׳ס שליחות. די צוויי שלוחים האָבן דאָך געוואָלט אויספירן זייער שליחות און נישט געוואָלט פאַרברענגען טייערע צייט פון זייער רבי׳ן, האָט דער שליח דער תלמיד חכם געזאָגט פאַר׳ן צווייטן, גיי דו קודם רעדן מיט אים אין תורה לויט דיינע מעגליכקייטן און נאָך צוויי-דריי טעג ווען איך וועל קומען צו די כוחות וועל איך עקסטער רעדן מיט אים.

דער צווייטער שליח איז טאַקע געגאַנגען אַליין רעדן מיט׳ן בחור. דער טל חיים, וויסענדיג אַז דער ליסקער רב האָט געשיקט ספּעציעלע שלוחים אים צו פאַרהערן, האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז ער האָט זיכער געשיקט אַ גרויסן תלמיד חכם. און ער האָט אָנגעהויבן זאָגן אַ גאָר טיפן און שאַרפן פּלפּול, גג על גג, ווי עס האָט זיך געפּאַסט פאַר אַזאַ חריף ועילוי ווי אים. אָבער ערגעץ טיף אינמיטן פּלפּול האָט ער אינאַכט גענומען אַז דער שליח שווייגט, ער רעאַגירט גאָרנישט. האָט ער געקלערט ביי זיך, אַז עס מוז זיין אַז דער שליח איז נישט צופרידן פונעם פשעטל, ער האָט דערויף שווערע קשיות אָפּצואוועגדן, נאָר ער וויל אים נישט צעמישן אינמיטן, דעריבער רעדט ער נישט אַריין, אָבער עפּעס גלייכט ער נישט דעם פשעטל.

האָט ער זיך אָנגערופן צום שליח ״אויב עס געפעלט אייך נישט דער פּלפּול, וועל איך אייך זאָגן אַן אַנדערן פשעטל, אפשר דאָס צווייטע וועט איר יאָ גלייכן״. אַזוי האָט ער געטון, ער האָט אויפ׳ן אָרט מחדש געווען און אָנגעהויבן אַן אַנדערן פּלפּול, מיט געוואַלדיגע חידושים, נאָך טיפער ווי פריער. אָבער נאָך אַ שטיק צייט זעט ער ווי דער שליח שווייגט ווייטער; ער פרעגט נישט, ער ענטפערט נישט, ער זאָגט נישט צי ס׳איז יאָ גוט צי נישט. האָט דער טל חיים אָנגעהויבן זאָגן אַ פרישן פּלפּול, אָבער זעענדיג אַז אויך איצט איז דער שליח נישט צופרידן; ער שווייגט און זאָגט נישט קיין וואָרט, האָט ער זיך אָנגערופן ״חשוב׳ער גאַסט, דאָס אַלעס וואָס איך קען. מער פון דעם קען איך נישט. אויב מיינע חידושים ופּלפּולים געפעלן אייך נישט, פאָרט צוריק צו אייער רבי׳ן און זאָגט אים, פאַרפאַלן, דאָס קען איך און מער נישט...״



דער שליח איז דאַן צוריקגעגאַנגען צום אַנדערן שליח דער תלמיד חכם און יענער פרעגט אים וויאַזוי דער פאַרהער איז צוגעגאַנגען, זאָגט ער "אוי, איך האָב שוין קוים געוואַרט אַז דער בחור זאָל ענדיגן אַלע זיינע חידושים ופלפולים; ער איז דאָך ממש אַ שפּערישער קוואַל; ער האָט געזאָגט און געזאָגט אַזעלכע טיפע פלפולים אַז איך האָב דאָס נישט געקענט פאַרשטיין; איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט..."

זעענדיג אַז דער אַנדערער שליח קען נישט ערפולן דעם רבינ'ס שליחות האָט דער שליח דער תלמיד חכם בלית ברירה געמוזט וואַרטן עטליכע טעג ביז ער ערהוילט זיך, און דאַן איז ער אים אַליין געגאַנגען פאַרהערן און פאַרשטייט זיך צו זיין שטוינונג געזען אַז דאָ שטייט פאַר אים אַ בחור וואָס איז מלא וגדוש בש"ס ופוסקים. ביים אַהיימקומען קיין ליסקא האָבן "ביידע" געהאַט וואָס איבערצוגעבן זייערע איינדרוקן פון זייערע פאַרהערן, און איבעריג צו זאָגן דער אך פרי תבואה האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַן איידעם און ממלא מקום. (קונטרס "שיחות חסדי אברהם" פרשת אמור)

## די ברכה פאַר די "אַלטע מוידן"

איבער זיין גרויסע קדושה האָט דערציילט הרה"ח ר' שמואל גאלדשטיין ז"ל וועלכער איז געווען פון די גרויסע ליסקא חסידים, אַז אין די צייטן ווען דער טל חיים איז נאָך געווען רב אין שטאָט ערדא־בעניא ־ נאָך בחיים חיותו פון זיין גרויסן שווער דער אך פרי תבואה ־ איז געווען זיין מנהג אַז מען האָט אים מכבד געווען מיט סידור קידושין, און דער סדר איז דאָך אַז דער מסדר קידושין גייט אַריין צום "באַדעקן", פלעגט דער טל חיים אַריינגיין מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, און ער פלעגט זיך אָנלענען אויף צוויי גבאים.

איינמאָל זייענדיג אינעווייניג ביים באַדעקן איז געווען עפּעס אַ גרויס געשטיפעניש און עס איז אויסגעקומען אַז מען האָט אויך דעם רב געגעבן אַ שטיפּ, האָט ער געגעבן אַ הויב אויף די אויגן אויף אַ רגע צו זען וואָס די שטיפעריי באַדייט. שפּעטער ביי די סעודת החתונה האָט דער טל חיים געהאַלטן אַ דרשה, ווי עס איז געווען דער מנהג בימים ההם מכבד צו זיין דעם רב מיט אַ דרשה ביי די חתונה. האָט דער טל חיים געזאָגט דעמאָלט ווי פאָלגנד:

"פריער ווען איך בין אַריין צום באַדעקן איז געווען אַ גרויס געשטיפעניש וואָס האָט צוגעברענגט אַז איך האָב מיר געעפנט די אויגן, און איך בין ערשטוינט געוואָרן צו זען עפּעס וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט ביז היינט, אַז אין אונזער שטאָט געפינען זיך אַזויפיל 'אַלטע מאָדן' (מיידלעך) וועלכע זענען נאָכנישט חתונה געהאַט". דאַן האָט דער רב אויסגעבראָכן אין אַ געוויין: "איך האָב בכלל נישט געוואוסט אַז אין אונזער שטאָט געפינען זיך אַזויפיל אַלטע מאָדן, וואָס מען זעט דאָך אויף זייער האָר אַז זיי ווערן שוין גרוי. דעריבער וויל איך דאָ וואונטשן אַז מען זאָל פון הימל רחמנות האָבן, מען זאָל זיי צושיקן די ריכטיגע זיווגים און נאָך אין דעם יאָר זאָלן אַלע זוכה זיין צו טרעפן כשר'ע זיווגים".

פאַקטיש זענען די אַלע "מיידלעך" געווען פאַרהייראַטע פרויען וועלכע זענען יידער געגאַנגען מיט אייגענע האָר און אויך אומצוגעדעקט, נאָר דער טל חיים וועלכער איז געליגן כל כולו אַריינגעטון אין תורה וקדושה, האָט מיט תמימות געמיינט אַז דאָס זענען "אַלטע מוידן".

אָבער הערנדיג דעם רב'ס האַרציגע דרשה, דברים היוצאים מלב טהור, איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אין שטאָט, ווייל די מענער פון די אַלע פרויען האָבן זיך דערשראָקן אַז די "ברכה" פונעם רב וועט מקוים ווערן, און דאָס קען דאָך באַדייטן אַז זיי וועלן ח"ו נישט מוציא שנתם זיין און זייערע ווייבער וועלן ווערן אלמנות און שנעל חתונה האָבן מיט פרישע זיווגים... די מענער האָבן דעריבער באַלד באַפוילן פאַר זייערע ווייבער זיך אָפּצושערן די האָר, און אַזוי איז אויסגעקומען אַז מיט זיין תמימות'דיגן בליק האָט דער טל חיים פאַרוואַנדלט די גאַנצע שטאָט אין ערליכע אידישע שטיבער וואו מען פירט זיך מיט צניעות ויראת ה'. ("ספר הזכרונות לבית ליסקא" דף ל').

## אַוועקגעגעבן "הפטרה מעשה מרכבה" פאַר'ן איידעם

דער הייליגער אך פרי תבואה האָט געהאַט אַ מנהג אַז דעם ערשטן טאָג שבועות, זמן מתן תורתינו, האָט ער אַליין עולה געווען מפטיר. ער האָט זייער מקפיד געווען אויף די עלי' ווייל מען ליינט דעמאָלט די מורא'דיגע הפטורה פון "מעשה מרכבה".

אינעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן, בשנת תרל"ד, האָט דער אך פרי תבואה באַפוילן דעם גבאי אַז מען זאָל געבן מפטיר פאַר זיין איידעם דעם טל חיים. דער עולם אין בית המדרש האָט נישט געוואוסט דערפון און ווען דער טל חיים איז אַרויפגעקומען אויף די בימה צו מפטיר האָט דאָס אַרויסגערופן גרויס וואונדער; קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער דער רבי, וועלכער האָט אַלע יאָרן געהאַט אַזאַ קפידה אויף די עלי' און נישט געלאָזט אַוועקגעבן די עלי' פאַר אַ צווייטן, האָט דאָסמאָל יאָ מכבד געווען זיין איידעם מיט די עלי'.

ערשט צוויי חדשים שפּעטער ווען דער אך פרי תבואה זי"ע איז ליידער נסתלק געוואָרן, ביום י"ד אב, האָבן תושבי ליסקא און ליסקא חסידים פאַרשטאַנען למפרע די כוונה פונעם אך פרי תבואה, אַז מיט'ן כיבוד פון מפטיר ביום א' דשבועות האָט ער אים פאַקטיש איבערגעגעבן דעם שרביט הרבנות און אים מסמיך געווען ממשיך צו זיין די הייליגע הנהגה אַלס ממלא מקומו בכתר האדמורו"ת פאַר עדת צאן מרעיתו. (ספר "דרכי הישר והטוב").

## מקובל פון מיין גרויסן שווער

הרה"ח המפורסם ר' וואלף ענגעל ז"ל פון האָלאָש איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם טל חיים זי"ע. דער ר' וואלף האָט פאַרמאָגט אַ געשעפט און ער פלעגט דאָס אָפן האַלטן אויך זונטאָג. דאָס האָט אַרויסגערופן בייז־בלוט ביים לאָקאַלן גלח, וועלכער האָט אָנגעהויבן העצן אין זיין קירכע מען זאָל באָיקאָטירן דעם געשעפט. די קריסטליכע האָלאַשער איינוואוינער האָבן געפאָלגט דעם גלח און ר' וואלף האָט אָנגעהויבן ליידן ערנסטע פאַרלוסטן אין זיין פרנסה.

איז ער געפאָרן צו זיין רבי'ן דער טל חיים זי"ע און זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ. כנהוג האָט ער געגעבן אַ קוויטל פאַר'ן רבי'ן און אויך געוואָלט דערלאַנגען אַ פדיון. ווען ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין טאַש אַרויסצונעמען דעם פדיון האָט ער אַרויסגענומען צוויי באַנקנאָטן, איינס אַ רויט־פאַרביגע וואָס איז געווען פון צען גולדן און איינס אַ בלוי־פאַרביגע וואָס איז געווען פון פינף גולדן. ער האָט געוואָלט צוריקלייגן אין טאַש דעם פינפער און געבן אַלס פדיון דעם צענער. דער טל חיים זי"ע איז געווען באַקאַנט אַלס איינער וואָס "אינו מכיר בצורתא דזוזא", ער איז געווען אַזוי אַריינגעטון אין תורה אַז ער האָט נישט דערקענט קיין מטבע; ער האָט נישט געוואוסט וועלכע באַנקנאָט איז ווערד וויפיל. אָבער דאָ פלוצלינג זאָגט אים דער טל חיים: געב ענדערש אָהער דעם בלוי־פאַרביגע (פינפער) ווייל די פאַרב בלוי ציייגט אויף מדת הרחמים.

דאַן האָט דער טל חיים גענומען פייער און אָנגעצונדן דאָס קוויטל און מיט דעם אָנגעצונדן זיין לולקע; דאָס פאַרויכערט און זיך שטאַרק פאַר'דביקות'ט אויף אַ ווײַלע. ר' וואלף, זעענדיג אַז דער רבי האָט אָנגעצונדן זיין קוויטל האָט זיך זייער דערשראָקן. אָבער ער האָט זיך נישט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט. נאָך אַ לענגערע ווײַלע האָט דער טל חיים ווי זיך ערוואַכט און זאָגט פאַר ר' וואָלף: "דאַרפסט נישט מורא האָבן, דאַרפסט גאָרנישט זיך פאָרכטן. איך האָב מקבל געווען פון מיין שווער דער אך פרי תבואה זי"ע אַז 'אַ גוי דאַרף זיך בייגן אָדער אַנידער לייגן'.



פאַר אַהיים און וועסט זען אַ ישועה".

ביים אָנקומען קיין האָלאָש האָט ער געהערט ווי די גלאָקן פון די קירכע קלינגען. דאָס איז אים געווען מאָדנע ווייל געוועגליך קלינגען די גלאָקן ביים ענדע פון יעדע שטונדע און איצט איז אינמיטן די שטונדע, האָט ער פאַרשטאַנען אַז עפּעס גייט פאָר. אַריינקומענדיג אין שטאָט האָט ער געהערט די נייעס אַז די גלאָקן מעלדן וועגן די פּגירה פונעם גלח, וועלכער איז זיך געגאַנגען באָדן אינעם טיסא טייך און דאָרט איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ וואַסער־געווירבל (וויהרל־פּול) און דערטראָנקען געוואָרן, כן יאבדו כל אויביך ה'. (ספר "דרכי הישר והטוב החדש" דף תכ"ב).

## געקומען אין חלום לאחר הסתלקותו

הרה"ח ר' שלום שוואַרץ ז"ל איז געווען אַ תלמיד פון כ"ק אדמו"ר רבי צבי הירש השני מליסקא זצ"ל הי"ד בעל שערי הישר (בן הטל חיים זי"ע). ער האָט דערציילט אַ מורא'דיגע מעשה וואָס ער האָט אַליין געהערט פון זיין רבי'ן ווען ער איז געווען אַ בחור אין ישיבה וואָס האָט פּאַסירט ביי זיין פאָטער דער טל חיים אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן.

דער טל חיים האָט געהאַט אַ גרויסן חסיד הרה"ח ר' יוסף מעהר ז"ל, וועלכער איז נאָך געפאָרן צום אך פּרי תבואה. דער ר' יוסף האָט געהאַט אַ טאָכטער וועלכע האָט נאָך די חתונה נישט געקענט האָבן קיין קינדער, ווייל זי האָט ליידער געליטן פון פאַרשידענע מחלות ל"ע און די דאָקטוירים האָבן איר אָנגעזאָגט אַז געבוירן קינדער וועט איר אַריינלייגן אין אַ באַלדיגע סכנה.

זי האָט אָבער דאָך געוואָלט אויפשטעלן אַ אידישע שטוב, איז זי אַריינגעגאַנגען צוזאַמען מיט איר מאַן צום טל חיים זי"ע, וועלכער איז געווען מפורסם מיט זיין כח אין רפואות און מיט זיין כח צו בענטשן אידן מיט זרע של קיימא. דער טל חיים זי"ע האָט זיי פאַרשפּראָכן אַז זי דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגן און קימערן מיט די דאָקטוירים; זי וועט בעז"ה האָבן קינדער און געהאָלפן ווערן מיט אַ בן זכר.

נישט אויף לאַנג איז מקוים געוואָרן די ברכה און זי איז טראָגעדיג געוואָרן. אָבער אינצווישן איז דער טל חיים נסתלק געוואָרן און ווען ס'איז אָנגעקומען אין די הויכע מאָנאַטן און שוין געדאַרפט גיין צום קינד איז זי זייער שוואַך געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין קראַנקן בעט. דער מצב איז געווען שמאָל און מען האָט שנעל אַראָפּגערופן צוויי דאָקטוירים וועלכע האָבן געוואָרנט אַז מען דאַרף איר באַלד אָפּערירן, ווייל אויב נישט וועלן ביידע נישט איבערלעבן ל"ע.



בשעת די דאָקטוירים שטייען דאָרט איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן און זי זעט דעם טל חיים אין חלום וועלכער זאָגט איר: "האָב נישט מורא פון די דאָקטוירים, ווייל איך האָב צוגעזאָגט און אַזוי וועט דאָס זיין, דו וועסט געבוירן דאָס קינד בשלום. נאָר איין זאַך בעט איך דיך, זע אַז די צוויי דאָקטוירים זאָלן נישט בלייבן נעבן דיר, שיק זיי אַרויס פון צימער".

ווען זי האָט זיך ערוואַכט האָט זי גלייך אָנגעהויבן שרייען אויף די דאָקטוירים זיי זאָלן שוין פאַרלאָזן איר צימער. נישט לאַנג דערויף האָט זי געבוירן דאָס קינד לעבעדיג און געזונט אָן קיין שום שטרויכלונג. די גאַנצע שטאָט איז דעמאָלט אויפגעוועקט מיט דעם מופת, זעענדיג בחוש דעם "גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם". (ספר "אור הישר והטוב" פרק י"ד).

## די מחלה איז פאַרשוואונדן אויף אייביג

הרה"ח ר' גרשון רייך ז"ל האָט דערציילט אַ מעשה נורא וואָס האָט פּאַסירט מיט אים אַליין.



ווען ער איז געווען אַ קינד פון איין יאָר אַלט איז ער ל"ע קראַנק געוואָרן מיט אַ געפערליכע מחלה וואָס די דאָקטוירים אין יענע צייטן האָבן נישט געהאַט קיין שום רפואה דערפאַר. האָט זיין פאָטער, הרה"ח ר' אהרן יוסף רייך ז"ל שו"ב דק"ק האָדהאַז, וועלכער איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם טל חיים פון ליסקא, גענומען דאָס קראַנקע קינד און געפאָרן מיט אים אויף אַ שבת קיין ליסקא. פאַרשטייט זיך ער איז אַריין פאַר שבת און זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ אַז דער רבי זאָל פּועל'ן אַ ישועה פאַר זיין קינד.

שבת קודש צופרי נאָכ'ן דאַווענען האָט דער טל חיים ווי זיין מנהג געמאַכט קידוש אויף בראָנפן, נאָך איינגעהילט אינעם טלית. נאָכ'ן טרונקען פונעם כוס האָט דער רבי אַריינגעגאָסן פונעם בראָנפן אין מויל פונעם קינד און געזאָגט בזה"ל: "איך בין גוזר אַז די מחלה זאָל פון אים אַרויסגיין".

וכך הוה, ר' אהרן יוסף איז אַהיימגעפאָרן מיט'ן קינד וועלכער איז געזונט געוואָרן כאחד האדם, און ר' גרשון, דער בעל הנס, האָט מאריך ימים ושנים געווען;. ער איז געוואָרן אַן עלטערער איד און די מחלה האָט זיך קיינמאָל נישט צוריקגעקערט זיין גאַנץ לעבן. (ספר "דרכי הישר והטוב החדש" דף תכ"ג).

## אַ שריפה אין געריכט הויז

ווי באַקאַנט איז אינדערהיים אין אייראָפּע געווען דאָס געזעץ אַז אַלע קינדער מוזן לערנען לימודי חול אין די רעגירונג שולע. דעריבער זענען אידישע קינדער געווען געצוואונגען צו גיין אין די שולע יעדן טאָג אויף עטליכע שעה און ערשט נאָכמיטאָג איז מען געגאַנגען אין חדר. אין יענע צייטן איז די וועלט נאָך געווען מער איידל ווי היינט און אפילו ביי די גוים איז געווען איינגעפירט אַז אַ מאַן־לערער לערנט מיט יונגלעך און אַ פרוי־לערערין מיט מיידלעך.

איינמאָל האָט דער מאַן־לערער אין ליסקא געדאַרפט אַוועקפאָרן פון שטאָט אויף אַ שטיק צייט, האָט ער געבעטן די פרוי־לערערין אַז אין די צייט ווען ער איז אָפּוועזנד זאָל זי לערנען אויך מיט זיין קלאַס. איין אידישער טאַטע וועלכער האָט באַגלייט זיין קינד אין שולע האָט דאָס באַמערקט, איז ער געקומען צו לויפן צום טל חיים זי"ע אין בית המדרש און אים דערציילט אַז די יונגלעך און מיידלעך לערנען בתערובות אין איין קלאַס. דער טל חיים איז רוב טאָג געזעצן אין בית המדרש איינגעהילט אין טלית ותפילין און געלערנט. הערנדיג דאָס האָט ער גלייך אויסגעטון טלית ותפילין און

אַרויסגעלאָפן פון בית המדרש אין דירעקציע פון די שולע.

זיין איידעם, הגה"צ רבי אהרן אויש זצ"ל אבד"ק לופעני איז דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן נאָך די חתונה; ער האָט נאָך געגעסן קעסט ביים שווער און זעענדיג ווי דער שווער לויפט צו די שולע האָט ער זיך דערשראָקן אַז דער שווער וועט אַריינלויפן אין שולע אינמיטן קלאַס און ער קען אויסשטיין אַן ערנסטע שטראָף, ווייל אין יענע צייט האָט די רעגירונג שווער באַשטראָפט אויב איינער האָט געשטערט אַ קלאַס אינמיטן די שטודיעס. איז ער נאָכגעלאָפן דעם שווער און אים געבעטן: "דער שווער זאָל אַהיימגיין, איך וועל שוין אַהינגיין און דאָס ערלעדיגן". אָבער דער טל חיים האָט אים צוריקגעשריגן "במקום שיש חילול ה' אין חולקין כבוד לרב". און ער איז ווייטער געלאָפן ביז אין שולע אַריין, ער איז אַריין אין קלאַס און אָנגעהויבן שרייען אויף די אידישע קינדער "אַרויס פון דאַ".

די פרוי לערערין איז נישט לאַנג דערויף אַריבערגעפאָרן קיין אוהעל וואו זי האָט אַריינגעגעבן אַ קלאַגע אין געריכט קעגן דעם ליסקא רב; אין די קלאַגע האָט זי שטאַרק אויפגעבלאָזן די גאַנצע געשיכטע און אויך צוגעלייגט זאַכן וואָס זענען ליגנט געווען. ווען מען האָט געהערט דערפון אין ליסקא איז די משפחה פונעם טל חיים זייער דערשראָקן געוואָרן און עטליכע בני משפחה זענען אַריבערגעפאָרן קיין אוהעל וואו זיי האָבן זיך געטראָפן מיט אנשים מכובדים פון די שטאָט און זיי געבעטן זיך משתדל צו זיין ביים ריכטער ער זאָל זיך נישט אומגיין מיט'ן גאַנצן האַרבקייט נאָר רחמנות האָבן אויפ'ן ליסקא רב.

למעשה איז דעמאָלט געשטעלט געוואָרן אין געריכט אַ נייער ריכטער און קיינער פון די שתדלנים אין שטאָט האָט נאָכנישט געהאַט מיט אים קיין נאָענטע קאָנטאַקטן, אַזוי אַז מ'האָט נישט געטראָפן קיינעם וואָס קען זיך משתדל זיין פאַר'ן ליסקא רב. זעענדיג אַז בדרך הטבע איז נישטאָ קיין שום אויסוועג, האָט די רביצין פונעם טל חיים זיך געווענדן צו איר מאַן און אים געבעטן ער זאָל מתפלל זיין אויף אַ ישועה פאַר זיך זעלבסט. האָט דער טל חיים איר געענטפערט ווי פאָלגנד: "פאַר אַ אידישע זאַך וועל איך זיצן אין תפיסה, איך האָב גאָרנישט מורא".

לפלא ולנס האָט עטליכע וואָכן שפּעטער אויסגעבראָכן אַ שריפה אינעם געריכט־הויז און אַלע שריפטליכע קלאַגעס זענען פאַרברענט געוואָרן. די פרוי־לערערין פון ליסקא האָט נישט געוואוסט דערפון, זי האָט געוואַרט און געוואַרט מען זאָל איר שוין אַראָפּרופן קיין אוהעל צום פּראָצעס וואו זי וועט עדות זאָגן קעגן דעם רב, אָבער זעענדיג אַז עס גייט דורך וואָכן און מאָנאַטן און מען רופט איר נישט, האָט זי אָנגעהויבן בונטעווען אַז די אוהעלער אידן האָבן זיכער אונטערגעקויפט דעם ריכטער. אָבער אירע ווערטער זענען אויפגענומען געוואָרן סקעפּטיש צווישן די שטאַטישע איינוואוינער; זי איז געוואָרן צו שאַנדע און צו שפּאָט אין ליסקא און פון גרויס בושה האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן קיין אַמעריקע... (ספר "אור הישר והטוב" בשם הגה"צ רבי יחיאל אויש זצ"ל אבד"ק וואלקאן וועלכער האָט דאָס געהערט פון זיין פאָטער הגה"צ אבד"ק לופעני זצ"ל, חדב"נ הטל חיים זי"ע)

## די וואַנט פון אוהל האָט זיך גערוקט

דער טל חיים איז געקומען למנוחתו אינעם אוהל אין ליסקא נעבן זיין גרויסן שווער. איבער דעם אַליין ווערט דערציילט אַז נאָך זיין פּלוצימע פּטירה איז מען געגאַנגען קוקן צי מען קען אים באַהאַלטן אין אוהל, אָבער מען האָט געזען אַז עס נישטאָ קיין פּלאַץ. איז זיין זון, הגה"ק רבי צבי הירש השני מליסקא זצ"ל בעל שערי הישר והטוב אַרויף מיט אַ מנין צום ציון פונעם אך פרי תבואה און געבעטן, אַז היות ער זיין איידעם איז אים געווען אַזוי נאָענט ביים הארצן, בעט מען ער זאָל אים מאַכן פּלאַץ אינעם אוהל.

צופרי ביי די לוי' האָט מען געזען ווי איין וואַנט פונעם אוהל האָט זיך וואונדערליך גערוקט! עס איז געווען אַ פּלא בתוך פּלא, ווייל דער דאַך האָט זיך נישט אויסגעברייטערט, בלויז די וואַנט האָט זיך גערוקט, וואָס האָט געוויזן אַז דער גרויסער שווער האָט ווירקליך געמאַכט פּלאַץ פאַר זיין גרויסן איידעם. (ביז די מלחמה איז דאָס געבליבן אַזוי, מיט'ן אָפּענעם דאַך און אָפּגערוקטער וואַנט. נאָך די מלחמה ווען מען האָט רענאָווירט דעם אוהל האָט מען פאַרראַכטן דעם דאַך אויך, אָבער מען קען נאָך ביז היינט זען ווי דער טל חיים ליגט גאַנץ ביים עק נעבן די וואַנט).

טאַקע ביז צו די צווייטע וועלט מלחמה האָבן טויזנטער אידן געשטראָמט יאָר־יערליך אויף זיין יאָרצייט צו זיין ציון הקדוש, וואָס איז געוואָרן מפורסם אַלס אַ מקום ישועות וואו מען קען געהאָלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים בזכות פון די שני מאורות הגדולים, חותן וחתנו שראו את החידוש, דער אך פרי תבואה און דער טל חיים זי"ע.

אויך היינט צו טאָג זענען דאָ אומצאָליגע אידן וואָס פאָרן יערליך אויף די יאָרצייט ט' אייר ספּעציעל צום ציון פונעם טל חיים זי"ע - און אויך אַ גאַנץ יאָר ווען מען גייט צום ציון הקדוש פונעם אך פרי תבואה זי"ע גייט מען עקסטער צו צום ציון פון חתנו בעל טל חיים זי"ע - און זענען מעיד אויף די גרויסע ישועות וואָס זיי זעען ביי זיין ציון הקדוש בזכות פון זיין גרויסן כח התורה והקדושה.

היי יאָר איז אוממעגליך אָנצוקומען צום ציון אין ליסקא אויף די יאָרצייט צוליב דעם שווערן מצב המגיפה ל"ע איבער דער וועלט. און מען האָפט אין נאָענטן - אויב מען וועט חלילה נישט זוכה זיין אינצווישן צו תחיית המתים בקרוב - זיך צו נעמען צו די רענאָוואַציע אַרבעט וואָס וועט פיל פאַרלייכטערן צוטריט צו די ציונים הקדושים אין ליסקא, וטובים השנים מן האחד לזכות את ישראל בכל מילי דמיטב.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.





הקדמת בני המחבר!

דברי המסדר חתן המחבר!



ספר

טל חיים

והברכה

Tal Chaim

Verlag Chaim Friedlander Lisko (Ungarn)



בעזר אלקים חיים

ספר

טל חיים

על התורה ומועדים

חלק ראשון

Druck v. Henrik Schönfeld, Betlen. (Erdély)